



# רעדן איבער
## טובערקולאז אינפעקציע







# אריינפיר

מיליאנען מענטשן ארום די וועלט האבן א טובערקולאז (tuberculosis, TB) אינפעקציע. א מענטש קען האבן די טובערקולאז באקטעריע (*Mycobacterium tuberculosis*) אין זייער קערפער און מעגליך נישט פילן קראנק. אין די שטאפל רופט זיך עס טובערקולאז אינפעקציע. ווען די טובערקולאז באקטעריע וואקסט און דער מענטש הויבט אן באקומען סימפטאמען מיינט דאס אז די אינפעקציע האט זיך אנטוויקלט צו אן **ערנסטע**, **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט**.

עס קען זיין שרעקעדיג צו געוואויר ווערן אז איר האט א טובערקולאז אינפעקציע, באזונדערס צוליב נישט ריכטיגע אינפארמאציע איבער טובערקולאז אינפעקציע און איבער אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט. טייל מענטשן קענען פילן פארשעמט, דערשראקן אדער אז זיי ווערן אנגעקוקט מיט סטיגמעס צוליבן האבן א טובערקולאז אינפעקציע און אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט. פריינט און פאמיליע קענען ארויסווייזן אז זיי קענען נישט משלים זיין מיט די צושטאנד. זיי קענען צומאל אויסשליסן א מענטש מיט טובערקולאז פון אקטיוויטעטן. **דאס קען קומען פונעם נישט זיין באקאנט מיט אלע פאקטן. די בראשור גיבט אייך וועגן וויאזוי צו רעדן מיט אייער דאקטאר, אייערע באליבטע און מיט מענטשן אין אייער קהילה איבער טובערקולאז אינפעקציע און איבער אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט.**

| אויב איינער זאגט אז... | דאן ענטפערט זיי... |
| --- | --- |
| ✕ איינרעדעניש | ✓ אמת |
| טובערקולאז אינפעקציע און אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט האבן נישט קיין היילונג. | טובערקולאז אינפעקציע און אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט קענען געהיילט ווערן מיט די ריכטיגע באהאנדלונג. "איך נעם מעדיצין פאר די טובערקולאז אינפעקציע כדי צו פארמיידן פון עס זיך צו אנטוויקלען צו אן ערנסטע, אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט." |
| איר זאלט זיך נישט דרייען ארום אייער פאמיליע אדער פריינט אויב איר האט א טובערקולאז אינפעקציע. | א טובערקולאז אינפעקציע איז נישט אנשטעקיג. איר קענט נישט "כאפן" טובערקולאז פון א מענטש וואס האט א טובערקולאז אינפעקציע. אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט איז אבער יא אנשטעקיג. נעמען מעדיצין פאר טובערקולאז אינפעקציע באשיצט אייך פונעם באקומען אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט. |
| מען קען באקומען אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט אויב מען טיילט מיט עסנווארג אדער עסצייג מיט איינעם וואס האט אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט. | מען קען נישט באקומען אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט דורכן מיטטיילן עסצייג. די טובערקולאז באקטעריע פארשפרייט זיך דורך די לופט. ווען א מענטש וואס איז קראנק מיט אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט היסט, ניסט אדער רעדט, גייען טובערקולאז באקטעריע אריין אין די לופט. מענטשן קענען אריינאטעמען די טובערקולאז באקטעריע און קראנק ווערן. |

"איך נעם מיין טובערקולאז אינפעקציע מעדיצין צו בלייבן געזונט, פאר מיך אליין, פאר מיינע באליבטע און צו זיכער מאכן אז איך באקום נישט אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט."

| אויב איינער זאגט אז... | דאן ענטפערט זיי... |
|---|---|
| אײנרעדעניש | אמת |
| איך האב באקומען דעם באצילוס קאלמעט-געריו Bacillus Calmette-Guérin,) (BCG וואקסין (א וואקסין פאר טובערקולאז). צו קען איך נאכאלץ באקומען א טובערקולאז אינפעקציע אדער באקומען אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט? | אפילו אויב איר האט באקומען דעם BCG וואקסין אלץ קינד זענט איר נאכאלץ אין סכנה פון באקומען א טובערקולאז אינפקעציע אדער פון באקומען אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט. איר זאלט זיך טעסטן אפילו אויב איר האט באקומען דעם BCG וואקסין אלץ קינד ווייל עס זעצט נישט פאר צו באשיצן ערוואקסענע פון באקומען א טובערקולאז אינפעקציע. אויב איר האט באקומען דעם BCG וואקסין זאלט איר בעטן פון אייער דאקטאר צו האבן א בלוט טעסט פאר טובערקולאז און נישט די הויט טעסט. די בלוט טעסט וועט אייך זאגן אויב איר האט א טובערקולאז אינפעקציע אפילו אויב איר זענט וואקסינירט געווארן אין די פארגאנגענהייט. |
| טובערקולאז אינפעקציע און אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט געשעהען נאר צו געוויסע מענטשן צוליב זייער לעבנס שטייגער אדער ארימקייט.<br><br>טובערקולאז אינפעקציע און אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט קומען אלץ א שטראף פאר א זאך וואס איר האט געטוהן נישט ריכטיג. | **סיי ווער** קען אינפעקטירט ווערן אויב זיי ווערן אויסגעשטעלט צו די באקטעריע וואס פאראורזאכט טובערקולאז. האבן א טובערקולאז אינפעקציע אדער אפילו אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט האט בכלל נישט צו טוהן מיט איינעם'ס אויפפירונג אדער געזעלשאפטליכע צושטאנד. |

| אויב איינער זאגט אז... | דאן ענטפערט זיי... |
|---|---|
| ✕ איינרעדעניש | ✓ אמת |
| אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט איז עפעס איבער וואס מיינע אור-עלטערן'ס דור האט זיך געדארפט זארגן. עס איז נישט קיין פראבלעם היינטיגע צייטן. | טובערקולאז איז נאכאלץ א פראבלעם אין די פאראייניגטע שטאטן און אריבער די גאנצע וועלט. טובערקולאז איז צווישן די 10 הויפט אורזאכן פון טויט אריבער די וועלט, אפילו העכער פון HIV/AIDS. אין די פאראייניגטע שטאטן זענען 13 מיליאן מענטשן געשאצט צו האבן א טובערקולאז אינפעקציע.[1] |
| מענטשן מיט א טובערקולאז אינפעקציע אדער מיט אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט דארפן וואוינען אין ספעציעלע שפיטעלער און אוועק פון זייערע פאמיליעס. | מענטשן דארפן נישט וואוינען אין ספעציעלע שפיטעלער ווייל זיי האבן א טובערקולאז אינפעקציע און אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט. דאס פלעגט זיין אזוי אין די פארגאנגענהייט ווייל מיר האבן נישט געהאט די מעדיצין צו באהאנדלען טובערקולאז אינפעקציע און אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט. יעצט האבן מיר באהאנדלונגען פאר טובערקולאז אינפעקציע און פאר אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט. איך קען אפילו באקומען מיין באהאנדלונג פאר טובערקולאז אינפעקציע אינדערהיים. |

"איך האב א טובערקולאז אינפעקציע. איך האב נישט קיינע סימפטאמען און איך פיל נישט קראנק. איך בין נישט אנשטעקיג. איך דארף באקומען באהאנדלונג כדי איך זאל נישט באקומען אן ערנסטע, אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט."

1. צענטער פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג ציפערן און סטאטיסטיקס. CDC. **https://www.cdc.gov/tb/statistics/default.htm**.

| אויב איינער זאגט אז... | דאן ענטפערט זיי... |
| --- | --- |
| ✕ איינרעדעניש | ✓ אמת |
| איך וויל זיך טעסטן, אבער טעסטס און באהאנדלונגען זענען צו טייער. | די NYC העלט דעפארטמענט'ס TB Chest Centers (טובערקולאז ברוסטקאסטן צענטערן) שטעלן צו טעסטס און באהאנדלונג אינגאנצן אומזיסט. רעדט צו אייער דאקטאר צו באקומען א ריפערעל. |
| אויב איך מאך א טעסט און עס שטעלט זיך ארויס אז איך האב א טובערקולאז אינפעקציע אדער אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט, וועט מיין דאקטאר מיך באריכטן. איך בין באזארגט אז איך וועל דעפארטירט ווערן פונעם לאנד. | די NYC העלט דעפארטמענט אפפערט זייערע סערוויסעס אן בעטן אינשורענס און אן פרעגן איבער אייער אימיגראציע סטאטוס. אלע זייערע רעקארדס ווערן געהאלטן אין געהיים. |
| עס איז נישט נויטיג צו נעמען מעדיצין אויב איר האט נישט קיינע סימפטאמען. | אפילו אויב איך האב נישט קיינע סימפאטמען, זענען נאכאלץ דא טובערקולאז באקטעריע אין מיין קערפער. עס איז די בעסטע צו נעמען מעדיצין פאר טובערקולאז אינפעקציע אזוי אז איך זאל נישט באקומען אן ערנסטע, אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט. |
| באהאנדלונגען פאר א טובערקולאז אינפעקציע און פאר אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט קענען אייך הרג'נען. | באהאנדלונגען פאר א טובערקולאז אינפעקציע און פאר אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט וועלן אייך נישט הרג'נען. טייל מענטשן וועלן מעגליך באקומען זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) ביים באקומען באהאנדלונגען. עס איז וויכטיג צו באקומען באהאנדלונג ווי נאר איר ווייסט אז איר האט א טובערקולאז אינפעקציע כדי צו פארמיידן אן ערנסטע, אקטיווע קראנקהייט וואס קען אייך הרג'נען רח"ל אויב עס ווערט געלאזט אומבאהאנדלט. |

אויב ווערט איר געוואויר אז איר האט א טובעקולאז אינפעקציע:

- רעדט מיט אייער דאקטאר און פארשטייט טובערקולאז.
- רעדט איבער טובערקולאז אינפעקציע און איבער אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט מיט אייער פאמיליע, אייערע פריינט און קהילה מיטגלידער.

אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט און קאוויד-19 באטרעפן ביידע די לונגען און זיי פארשפרייטן זיך דורך נאענטע בארירונג צווישן מענטשן. אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט און קאוויד-19 פארשפרייטן זיך דורך די לופט ווען איר היסט, ניסט אדער רעדט. ביידע האבן ענליכע סימפטאמען און קענען פארמישט ווערן איינער מיט די אנדערע. פארבינדט אייך מיט אייער דאקטאר צו לערנען מער.

פאר מער אינפארמאציע איבער טובערקולאז אינפעקציע און טובערקולאז קראנקהייט, באזוכט **nyc.gov/health/tb**.
פאר מער אינפארמאציע איבער קאוויד-19 סימפטאמען, באזוכט **nyc.gov/health/coronavirus**. פאר שטיצע דורך אנדערע מענטשן אין ענליכע מצבים, באזוכט די We Are TB Survivor's Network אויף **wearetb.com**.

NYC Health